NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13243

# KOYLNGREBER

Upton Beall Sinclair

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

א. סינקלער

# קוילנגרעבער

(פונם ראָמאַן „קיניג־קויל“).

פאַרלאג „נייע יידישע פאָלקסשול“.
ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ 1930.

Wypisy żydowskie w zeszytach,
złożone przez S. BASTOMSKIEGO

Printed in Poland.

U. Sinkler

# „GÓRNICY"

Drukarnia „Express" Wilno, Wielka 31.



אַרבעטער.

בילד פון ק. מיניע.

נאַצ.-גאַלעריייע פון דער נײַער קונסט — רוים.



אַ קרבן פון אַרבעט.

בילד פון וו. וועלאַ.

נאַצ.-גאַלעריייע פון דער נײַער קונסט - רוים.

## א.

די קוילנגרובנס, וווּ העל האָט געאַרבעט, זײַנען געווען אַלטע גרובנס, אמתע שטעט, דורכגעבויערטע ווי טונעלן אונטער בערג. די הויפטגענג האָבן זיך געצויגן אויף מײַלן. אין שאַכט נומער צוויי האָט זיך דער קוילנאָדער אויפגעהויבן אויף אַ משופּע פון פינף גראַד אַן ערך. אין אַ טייל פון דעם „אָדער" פלעגן די ליידיקע וועגעלעך אין לאַנגע שורות אַרויפגעשלעפּט ווערן אין דער הויך מיט דער הילף פון אַן אומענדלעכן שטריק. אָבער ווען זיי פלעגן אָנגעלאָדענע זיך אומקערן צוריק, פלעגן זיי זיך אַראָפּלאָזן אַליין, געשטופּטע פון דער אייגענער שווערקײַט. דאָס פלעגט פאַרשאַפן אַ סך אַרבעט די יינגלעך, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּשטעלן די וועגעלעך, וואָרום אין די פאַלן, ווען אַזעלכע וועגעלעך פלעגן ניט אָפּגעשטעלט ווערן, פלעגט צו די אַלטעגלעכע סכנות פון דער גרובן־אַרבעט צוקומען נאָך איינע.

דידאָזיקע יינגלעך, וואָס האָבן געפירט די וועגעלעך, האָבן געהערט צו אַלערליי דרום־אייראָפּעיִשע און אַזיאַטישע נאַציאָנאַליטעטן. דאָ זײַנען געווען פלאַך־פּנימדיקע טאָטערן, גריכן מיט טונקלפאַרביקע פּנימער און קליינינקע קרום־אויגיקע יאַפּאַנער.

אין דעם טייל פונם גרובן, וווּ העל האָט געאַרבעט, האָט זיך געפונען אַ דראָט־האָריקער און מאַנדל־אויגיקער קאָרייער מיטן נאָמען טשאָ, אַ „שטריק־רײַטער". דער נאָמען „שטריק־רײַטער" האָט געשטאַמט פון דעם, וואָס ער אַליין איז געזעסן אויף אַ שווערן אײַזערנעם רינג, צו וועלכן עס איז געווען צוגעפעסטיקט אַ שטריק, וואָס האָט געשלעפּט די וועגעלעך דורך די לאַנגע הויפּט־קאָרידאָרן. איינמאָל האָט ער אײַנגעלאַדן העלן זיך צו זעצן נעבן אים, און העל האָט די אײַנלאַדונג אָנגענומען, שטעלנדיק אין סכנה סײַ זײַן שטעלע און סײַ זײַנע אברים. טשאָ האָט אָנגעוויזן אויף דער ערד און געשריען אַזוי הויך, ער זאָל איבערשרײַען דאָס קנאַלן פון די וועגעלעך: „גרויסער שטויב"! העל האָט דערזען, אַז דער באָדן און די ווענט זײַנען באַדעקט געווען מיט קוילנשטויב אַזוי, אַז מע וואָלט געקאָנט אויף זיי אָנשרײַבן דעם אייגענעם נאָמען.

— „אַ גרויסער אויפרײַס"! – האָט געזאָגט דער „שטריק־רײַטער".

העל האָט געוווּסט, אַז אויף דידאָזיקע הויכקײַטן איז די לופט באַרימט געווען מיט איר טרוקנקײַט. דידאָזיקע לופט, וואָס ווערט אַרײַנגעטריבן אין די שאַכטן מיט דער הילף פון ריזיקע פּעכערס, האָט פאַרניכטעט יעדע פײַכטקײַט און האָט געלאָזן אַזאַ דיקן און טרוקענעם קוילנשיכט, אַז אַ געוויינטלעכער שטויס מיט דער לאָפּעטע פלעגט אַרויסרופן מסוכנע אויפרײַסן.

דאָס געזעץ האָט געפאָדערט, אַז איבער די שיכטן זאָל געשפּריים ווערן אַ לופטיקער ציגל־שטויב. נאָר דידאָזיקע פאָדערונג פון געזעץ איז כמעט קיינמאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן.

אָט אַזוי האָט עס אויך געהאַלטן מיט די פאָרזיכטמיטלען בנוגע גאַז. די שאַכטן פון צפון־טאָל זײַנען געווען באַזונדערס גאַזיק. אין די אַלטע קאָרידאָרן האָט געהערשט אַזאַ שטינקערײַ, אַזוי ווי דאָ וואָלטן אָנגעזאַמלט געווען אַלע פאַרשטונקענע אייער פון אַלע עופות־פאַלווארקן אין גאַר דער וועלט. און דערדאָזיקער שוועבל־וואַסערשטאָף איז נאָך געווען די קלענסטע צרה, מיט וועלכער דער קוילנ=

גרעבער האָט געהאַט צו קעמפן. אין די גרובנס איז נאָך געווען דער שרעקלעכער „שטיק־דאַמף", וועלכער האָט ניט געהאַט קיין שום ריח און איז געווען שווערער פאַר דער לופט.

דער קוילנגרעבער האָט פלוצלונג געקאָנט איינשלאָפן אינמיטן דער אַרבעט זיינער, און אויב ס'וואָלט זיך ניט באַוויזן זיין געהילף, אָדער אויב ער וואָלט פאַרשפעטיקט אויף אַ רגע, וואָלט דער איינגעשלאָפענער געווען פאַרלאָרן.

נאָר מער פון אַלץ האָט מען געציטערט פאַרן „פייער־דאַמף", וועלכער קען צעשטערן אַ גאַנצן גרובן און הרגענען מענטשן אין די הונדערטער אַריין.

אויף צו באַוואָרענען קעגן דידאָזיקע אַלע סכנות האָט עקזיסטירט אַ „בראַנד־מייסטער", וועמעס פליכט איז געווען אַרומצוגיין איבער די שאַכטן, נאָכקוקן ווי ס'האַלט מיט די גאַזן, אַכטונג געבן, אַז די ווענטילאַציע זאָל זיין אין אָרדענונג, אַז די פעכערס זאָלן זייער אַרבעט טאָן ווי געהעריק. דערדאָזיקער אויפזעער האָט געדאַרפט זיין אינספעקציע דורכפירן אין די פרימאָרגן־שעהן, און דאָס געזעץ האָט געפאָדערט, אַז קיינער זאָל ניט אָנהייבן פריער צו אַרבעטן, איידער ער האָט געמעלדעט, אַז אַלץ איז כשורה. נאָר ווי איז, אויב דער אויפזעער האָט צופעליק פאַרשלאָפן, אָדער ער האָט זיך אָנגעשיכורט? פאַרלאַנגען, אַז צוליב דעם זאָל פאַרלוירן גיין טויזנטער דאָלער, וואָלט געווען צופיל. האָט מען דערפאַר טיילמאָל געקאָנט זען, ווי די מענטשן ווערן געטריבן צו דער אַרבעט און אַראָפגעלאָזט אונטן מיט געפילדער און קללות. אין עטלעכע שעה אַרום פלעגן זיך אייניקע אַרויסווייזן פאַר ניט אַרבעטספעיִק צוליב קאָפווייטיקן, און זיי פלעגן בעטן, מע זאָל זיי צוריק אַרויפנעמען אויבן. דער אויפזעער פלעגט זיי ניט דערלויבן אַרויסגיין, וואָרום אויב עטלעכע וועלן אַוועקגיין פון דער אַרבעט, וועלן די איבעריקע זיך דערשרעקן און אויך וועלן אַוועקגיין.

איינמאָל, ערשט מיט אַ יאָר צוריק, האָט געטראָפן אַזאַ מין קאַטאַסטראָפע. אַ יונגער מוילאייזל־טרייבער, אַ קראַנט, האָט עס דערציילט העלן, ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט קייען פון די מיטאָג־קעסעלען. — די ערשטע אָנגעפאַקטע שטייג מיט מענטשן איז שוין אַראָפגעלאָזט געוואָרן אין גרובן מיט צאָרנדיקע פראָטעסטן. באַלד דערנאָך האָט עמיצער מיט זיך מיטגעבראַכט אַ ניטבאַשירעמטע ליכט. באַלד איז געשען אַן אויפרייס, באַגלייט פון אַזאַ קנאַקעריי, גלייך עס וואָלט אויפגעריסן געוואָרן דאָס איינגעווייד פון דער וועלט. אַכט מענטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן. די קראַפט פונם אויפרייס איז געווען אַזוי גרויס, אַז עטלעכע הרוגים זיינען פאַרהאַקט געוואָרן צווישן דער שטייג און שאַכט־וואַנט און אַזוי איינגעקוועטשט געוואָרן, אַז אַרויסצובאַקומען זיי האָט מען זיי געמוזט צעשניידן אויף שטיקער.

אין דער זעלבער שאַכט, ווו העל האָט געאַרבעט, איז געווען אַנדי, אַ יינגל פון גריכישער אָפשטאַמונג. זיין אמתער נאָמען איז געווען אַנדראקאלוס, נאָר ער האָט ניט געקענט פאַרלאַנגען, אַז עמיצער אין די שאַכטן זאָל קענען ריכטיק אויסריידן זיין נאָמען. העלן האָבן אַ צי געטאָן די שיינע פנים־שטריכן און די גרויסע טרויעריקע אויגן פונם יינגל. זיי האָבן זיך צעשמועסט. און אַנדי האָט אַנטדעקט, אַז העל האָט ניט פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבן אין די שאַכטן, נאָר ער האָט געזען די גרויסע וועלט. אַנדי האָט געדורשט נאָכן לעבן און זיינע פריידן. און זיין גורל איז געווען צו זיצן אין אַ שאַכט־גרוב טעגלעך צען שעה נאָכאַנאַנד, מיט קויל־

שװיב אין דער נאָז און קױלנגעפּילדער אין די אױערן, און אַרױסגריבלען מיט די פֿינגער שיפּער פֿון די קױלן צרױס. ער איז געװען אײנער פֿון די אומצאָליקע „ברעכער־ײנגלעך".

— פֿאַרװאָס גײט איר ניט אַװעק פֿון דאַנען? — האָט העל געפֿרעגט.

— װי אַזױ זאָל איך אַװעקגײן? איך האָב אַ מאַמע, צװײ שװעסטער.

— און דער טאַטע אײַערער?

דאָ האָט זיך העל דערװוּסט, אַז אַנדיס פֿאָטער איז געװען אײנער פֿון יענע, װעלכע מע האָט געמוזט צעשנײַדן אױף שטיקער, כּדי מע זאָל זײ קאָנען אַרױסשלעפּן פֿון שאַכט. איצט איז אױפֿן פֿאָטערס צרט געװאָרן צוגעשמידט דער זון, ביז זײַן צײַט װעט קומען.

— כ'װיל ניט זײַן קײן קױלנגרעבער! — האָט געשריִען דאָס ײנגל, — כ'װיל ניט געהרגעט װערן!

די „באַהײצונגס־געזעלשאַפֿט" האָט צונױפֿגעזאַמלט אַ באַפֿעלקערונג פֿון אונטערטעניקע קנעכט, אָפּגעקליבענע פֿון צװאַנציק אָדער דרײַסיק פֿאַרשײדענע ראַסעס. די מחיצות פּלעגן צװישן זײ זײער שטרענג אָפּגעהיט װערן. אַמעריקאַנער, ענגלענדער און שאָטלענדער האָבן געקוקט פֿון אױבן אַראָפּ אױף די װעלסער און אירלענדער; די אירלענדער און װעלסער האָבן געקוקט פֿון אױבן אַראָפּ אױף די איטאַליענער און שפּאַניער; די איטאַליענער און שפּאַניער האָבן געקוקט פֿון אױבן אַראָפּ אױף פּאָלאַקן און רוסן, װעלכע האָבן פֿון זײער זײַט, פֿאַראַכטעט די גריכן, בולגאַרן און מאָנטאָנעגרער. און אַזױ איז געגאַנגען אַלץ נידעריקער דער לײטער פֿון די מזרח־אײראָפּעיִשע ראַסן, ביז די סאַמע נידעריקסטע — די יאַפּאַנער.

אָבער ניט געקוקט אױף דעם — אַז אין אַ שײנעם טאָג פֿלעגט פֿון ערגעץ װוּ אַרױפֿשװימען אַ װאַנדערנדיקער אַגיטאַטאָר, פֿלעגן די מחיצות פֿאַרשװינדן און אין דער גאַנצער מאַסע פֿון קױלנגרעבער פֿלעגט אױסברעכן אַ שטורעם קעגן דער „באַהײצונגס־געזעלשאַפֿט". דעריבער האָט אין יעדער שאַכט געמוזט זײַן נאָך אַן אַנדער מין בראַנדמײַסטער, װעמעס אױפֿגאַבע איז געװען צו פֿאַרהיטן פֿון אַן אַנדער מין אױפֿרײַס — ניט פֿון גרובנגאַז, נאָר פֿון דער מענטשלעכער נשמה.

דידאַזיקע פֿונקציעס האָט אין צפֿון־טאָל אױסגעפֿירט דזשעף קאָטאָן, דער שאַכט־אױפֿזעער. ער האָט געטראָגן אַ זעקסקאַרבנדיקן ביקס. ער האָט אױך געטראָגן דעם צײכן פֿון אַ שעריף, כּדי ער זאָל האָבן דאָס רעכט צו מאַכן נײַע קאַרבן אין זײַן ביקס, װען עס װעט נױטיק זײַן.

אַחוץ דזשעף קאָטאָן און זײַן געהילף בעז אַדאַמס, װעלכע האָבן געטראָגן צײכנדלעך און זײַנען אומעטום געװען באַװוּסט, זײַנען נאָך געװען אַנדערע געהילפֿן, װעלכע האָבן קײן צײכנדלעך ניט געטראָגן און האָבן געװאָלט זײַן אומבאַקאַנט.

אײנמאָל אין אָװנט, װען העל האָט בשעתן אױפֿהײבן זיך פֿון שאַכט עפּעס באַמערקט דעם קראַנט מאַדװיק װעגן די הױכע פּרײַזן אױף די סחורות אין די קראָמען פֿון דער געזעלשאַפֿט, האָט ער אַ פֿאַרחידושטער דערפֿילט, אַז יענער האָט אָנשטאָט אַן ענטפֿער אים אַ טראָט געטאָן אױפֿן פֿוס. שפּעטער, װען זײ זײַנען װאַװעק אױף אָװנט־עסן, האָט מאַדװיק דערקלערט זײַן אױפֿפֿירונג:

— היט זיך פֿאַר געסן, דעם רױט־פּרצופֿדיקן יונג — ער איז אַ שפּיאָן פֿון דער געזעלשאַפֿט.

— באמת? — איז העל געװאָרן נײַגעריק — פֿונװאַנען װײסט איר?

— איך ווייס, יעדער איינער ווייס עס.

— ער זעט ניט אויס צו האָבן אַ סך שכל — האָט געצווייפלט העל.

— ער האָט ניט נויטיק קײַן סך שכל. ער גייט צום שאַכט-אויפזעער און זאָגט: דער בחור דושאָ (אַזוי האָט זיך העל גערופן) חכמעט זיך צופיל, זאָגט: „די קראָם באַראַבעוועט אים". דערנאָך קומט צו אײַך דער אויפזעער: „איר רײַסט זיך צופיל דעם גאָרגל, בחור, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען צו אַלדי רוחות"! איר פאַרשטייט?

העל האָט פאַרשטאַנען.

איר פאַרלאָזט דעמאָלט די שאַכט און גייט אַוועק אין אַ צווייטער. דער אויפזעער פרעגט אײַך: „ווּ האָט איר געאַרבעט"? איר ענטפערט: „אין צפון-טאָל". ער פרעגט אײַך: „אײַער נאָמען"? איר ענטפערט: „דושאָ סמיט". זאָגט ער: „וואַרט צו". — ער גייט אַוועק, קוקט אין פּאַפּירן. קערט זיך אום, זאָגט: „ניטאָ קײַן אַרבעט", איר זאָגט: „פאַרוואָס ניטאָ"? זאָגט ער: „איר רײַסט זיך צופיל דעם גאָרגל, בחור, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען צו אַלדי רוחות"! איר פאַרשטייט?

— איר רעדט וועגן שוואַרצע צעטלען? — האָט העל געפרעגט.

— געוויס, שוואַרצע צעטלען. מעגלעך, זיי דערהיטן זיך אַלץ וועגן אײַך דורכן טעלעפאָן. אויב איר טוט עפּעס שלעכטס, איר רעדט וועגן פראָפעסיאָנעלע פאַריינען — בײַ דעם וואָרט האָט זיך מאָדוויקס קול אַראָפּגעלאָזט ביז שעפּטשען — צעשיקן זיי אײַער פאָטאָגראַפיע, און איר וועט אין דער גאַנצער שטאָט ניט באַקומען קײַן אַרבעט. ווי געפעלט אײַך אַזעלכעס?

## ב.

עטלעכע טעג האָט העל אָפּגעאַרבעט אין די געדערים פון דער ערד. דערנאָך איז אָנגעקומען איינער אַ זונטיק, ווען ער האָט באַקומען אין זײַן רשות עטלעכע שעה אויף געניסן פון זון-ליכט און באַקוקן דעם צפון-טאָל. דאָס איז געווען אַ פונאַנדערגעוואָרפן דאָרף מיט הײַזלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף אַ מײַל לויט דער לענג פון שאַכט. אין צענטער האָבן זיך געהויבן גרויסע געבײַדעס: געבײַדעס פון די שאַכטן, די עלעקטרישע סטאַנציע מיט הויכע קוימענס, ניט ווײַט פון איר — דער שפּײַכלער פון דער געזעלשאַפט און עטלעכע שענקען. דאָ זײַנען אויך געווען עטלעכע פענסיאָן-הײַזער, פאַר אַרבעטער, און לאַנגע רייען הילצערנע הײַזלעך, צו צוויי און פיר חדרימלעך יעדערע, אין וועלכע עס האָבן געוווינט אָפּט צו עטלעכע פאַמיליעס.

איין טייל פונם ישוב האָט געטראָגן דעם נאָמען „הײַזל-שטאָט". דאָ איז עטלעכע גאָר אָרעמע אויסלענדער דערלויבט געוואָרן זיך אויפצושטעלן צווישן מיניאַטורישע בערגלעך פון שלאַק קאַמערן פון אַלטע ברעטער, בלעך און פעך-פּאַפּיר. קיין הון אַפילו וואָלט זיך ניט אַראָפּגעלאָזט צו לעבן אין אַן ענלעכער דירה, און דאָך זײַנען אין עטלעכע פון זיי געווען אַרײַנגעקוועטשט צו אַ טוץ מענטשן. אויפן דיל, אַ פאַרשאָטענעם מיט אַש און פאַרדעקטן מיט שמאַטעס, זײַנען געשלאָפן אָנגעוואַלגערטע מענער און פרויען. קינדער זײַנען אַרומגעקראָכן פונקט ווי ווערים, אָנגעטאָן נאָר אין צעפליקטע העמדלעך, און זייערע הינטנס זײַנען אומפאַרשעמט אַנטפּלעקט געוואָרן אַנטקעגן הימל.

העל איז אַרומגעגאַנגען איבערן דאָרף מיט זײַן פרײַנט דעם מוילאייזל-טרײַבער טים ראַפּערטי, אַ גוטמוטיקן יינגל מיט אַ פּאָר פאַרחלומטע בלויע אויגן אינם

סאַזשע־שוואַרצן פּנים. זיי זײַנען דערגאַנגען ביז טיפֿסט חוינונג, און דאָס ייִנגל האָט אײַנגעלאַדן העלן אַרײַנגיין אינעווייניק און באַקענען זיך מיט זײַן פֿאַמיליע. זײַן פֿאָטער, אַן איטאַליענער, איז געווען אַן אײַנגעהויקערטער מענטש, אויסגעשעפּט דורך אַרבעט, נאָר מיט אַ מוראדיקער קראַפֿט אין זײַן שטאַרקן אָרגאַניזם, אַ פּראָדוקט פֿון עטלעכע דורות שאַכטן־אַרבעט. מע האָט אים גערופֿן „אַלטער ראַפּערטי", הגם ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פֿופֿציק יאָר. צו נײַן יאָר איז ער שוין געווען אַ גרובן־ייִנגל.

ס'איז געווען אַ צײַט, ווען דער „אַלטער ראַפּערטי" איז געווען אויפֿן וועג באַרג־אַרויף. ער איז געווען דער וואָג־פֿאַרוואַלטער אין שאַכט סען־דזשאָ. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פֿון דער שטעלע דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז זײַנע איבערצײַגונגען דערלויבן אים ניט טאָן דאָס, וואָס מע פֿלעגט הייסן טאָן. מע האָט פֿון אים פֿאַרלאַנגט, אַז ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן די וואָג פֿון די קוילן, וואָס די קוילנגרעבער שיקן אַרויף, זאָל ער אויפֿן טאָוול ניט פֿאַרצייכענען מער ווי אַ באַשטימטע ציפֿער. און ווען ראַפּערטי האָט באַשלאָסן בעסער זיך אָפּזאָגן פֿון דער שטעלע, איידער זיך אונטערגעבן אַזאַ פֿאַראָרדנונג, האָט מען אים געצוווּנגען אינגאַנצן צו פֿאַרלאָזן די שאַכט, וואָרום יעדער האָט געוווּסט די סיבה פֿון זײַן אָפּזאָג, און זײַן אָנוועזנהײַט אַליין איז שוין גענוג געווען צו פֿאַרשטאַרקן די אַלגעמיינע אומצופֿרידנקײַט.

– מיינט איר, אַז קיין ערלעכע געשעפֿטן זײַנען גאָרניט בנימצא? – האָט העל געפֿרעגט.

דער אַלטער האָט געענטפֿערט:

– אַלע געזעלשאַפֿטן מוזן פֿאַרקויפֿן די קוילן אויף איין און דעמזעלבן פּרײַז; אויב איינע גנבעט אויף דער וואָג, מוזן די איבעריקע אויך גנבענען. די צרה פֿונם קוילנגרעבער איז דאָס, וואָס ער האָט ניט, ווער עס זאָל זיך אײַנשטעלן פֿאַר אים.

בשעת דעם שמועס האָט העל באַטראַכט די „רויטע מערי", די טאָכטער פֿון אַן אַלטן קוילנגרעבער. ער האָט געזען, ווי זי איז געזעסן די אָרעמס אָנגעשפּאַרט אויפֿן טיש, אירע פֿעסטע אַקסלען זײַנען געווען אײַנגעבויגן אין אַ פּאָזע, וואָס האָט דערציילט וועגן אַ שווערן טאָג האָרעוואַניע. אָבער דאָ האָט זי זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס. פּלוצלונג האָט איר שטימע אויפֿגעקלונגען און געציטערט פֿון צאָרן:

– די צרה פֿון אַרבעטער איז דאָס, וואָס ער איז אַ קנעכט!

– נו, נו? – האָט דער אַלטער אַרײַנגעוואָרפֿן פּראָטעסטירנדיק.

– ער האָט די גאַנצע וועלט קעגן זיך, און בײַ אים קלעקט קיין שכל ניט זיך צוזאַמען צו האַלטן – צו גרינדן אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין און פֿאַרטיידיקן אים.

אַ פּלוצלונגדיק שטילשווײַגן האָט זיך מיטאַמאָל געלייגט איבערן צימער. אַפֿילו העל איז געווען געפּלעפֿט: צום ערשטן מאָל האָט ער אין קוילן־באַצירק געהערט דאָס וואָרט „פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַריין", ניט געשעפּטשעט, נאָר אַרויסגערעדט אויף אַ הויכן קול.

– מעגלעך – האָט ראַפּערטי געזאָגט, און שווײַגנדיק גענומען סמאָקען די פּיפּקע.

אין אָהנס האָט זיך העל אומגעקערט צו רעמניצקין אין פּענסיאָן, ווו ער איז אײַנגעשטאַנען. דאָס אָוונטעסן איז שוין כמעט געווען געענדיקט, ווען ער איז אַרײַן אין שטוב. דאָס עסצימער פֿונם דאָזיקן פּענסיאָן, וועלכער האָט געהערט צו דער „אַלגעמיינער באַהייצונגס־געזעלשאַפֿט", האָט העלן דערמאָנט אַ מלוכישע תּפֿיסה,

יועלכע ער האָט עפּעס אַמאָל באַזוכט און ווי אַ לאַנגע שורה שוויַיגנדיקע מענטשן האָבן פון בלעכענע שיסלען געגעסן קאַשע מיט פעטס. נאָכן עסן האָט זיך העל פונאַנדערגערעדט מיט דעם אַלטן גרוי־האָריקן סלאָוואַק מיקע סיקאָריע, וואָס האָט געוווינט ביַי רעמניצקין. מיקע סיקאָריע האָט צוואַנציק יאָר פאַרבראַכט אין די שאַכטן פון דער סביבה, און די גאַנצע פאַרביטערטקייַט פון די אַלע עוולות פון דידאָזיקע אַלע יאָרן האָט געקלונגען אין זיַין שטים, ווען ער האָט גערעדט פון דער „באַהייצונגס־געזעלשאַפט". ער איז געווען גרינג אויפן וואָרט און האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אינטערעסאַנטן באַקענטן. דער אַלטער האָט געהאַט אַ טעמפּעראַמענט, וועלכן ער האָט ניט געקאָנט באַהערשן. האָט ער דעריבער כסדר געוואַנדערט פון איין אָרט אויפן צווייטן. אגב, האָט ער פאַרזיכערט, זיַינען אַלע ערטער אַלץ איינס. אומעטום געפינט מען שוין עפּעס אַ שווינדל, דורך וועלכן מע רויבט ביַים קוילנגרעבער זיַין פאַרדינטן לוין. יעדער קוילנגרעבער האָט געהאַט אַ געוויסע צאָל בלעכלעך, אויף וועלכע ס'איז געשטאַנען זיַין נומער. ווען ער פלעגט שיקן אַן אָנגעלאָדן וועגעלע, פלעגט ער אינעווייניק צוטשעפּען אַזאַ בלעכל אויף אַ האָקן. אויפן לאַנגן וועג צום וואָג־הויז פלעגט טרעפן, אַז עמיצער האָט איבערגעביטן דאָס בלעכל, און – אויס וועגעלע!

– מיינט איר, אַז די אויפזעער גנבענען די וועגעלעך? – האָט העל געפרעגט.

– טיילמאָל די אויפזעער, טיילמאָל זייערע פריַינט, און טיילמאָל גנבעט די געזעלשאַפט אַליין ביַי די קוילנגרעבער.

מיקע האָט דערציילט וועגן אַן איטאַליענער, וועלכער האָט בפיוון, צוליב אויספּרוּוון, אַזוי הויך אָנגעלאָדן אַ וועגעלע, אַז דאָס האָט קוים געקאָנט דורכגיין דורכן אַרויסגאַנג. ער איז נאָכגעגאַנגען אין וואָג־הויז און האָט זיך איבערצייַגט, אַז די וואָג האָט געוויזן זעקס טויזנט זעקס הונדערט פונט. זיי האָבן אים פאַרצייכנט דריַי טויזנט פינף הונדערט. אַז ער האָט געמאַכט אַ טומל, האָט מען אים אַרעסטירט.

אינם עסצימער איז לעבן העלן געזעסן אַ העלהאָריקער שוועדישער ריז מיטן נאָמען יאָהאַנסאָן, וועלכער האָט טעגלעך צען שעה נאָכאַנאַנד אָנגעלאָדן בוי־געהילץ. דערדאָזיקער חברהמאַן פלעגט זיך דערלויבן דעם לוקסוס אַרויסזאָגן פריַי זיַין מיינונג, וויַיל ער האָט פאַרמאָגט יוגנט און מעכטיקע מוסקולן און איז ניט געווען באַלאַסטעט מיט קיין פאַמיליע. ער איז געווען אַזעלכער, אויף וועלכן מע זאָגט: שטאַרק ווי איַיזן און גרינג ווי אַ פעדער. ער פלעגט וואַנדערן פון גרובן צום שניט־פעלד און פון שניט פעלד צום האָלץ־לאַגער. ווען עמיצער האָט אין אַ געשפּרעך מיט אים באַרירט די טעמע וועגן דעם „וואָג־קאָנטראָלירער", וואָס לויטן געזעץ פון שטאַט האָבן די קוילנגרעבער דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען מיטן תּנאַי, אַז שכירות זאָלן זיי אים צאָלן פון זייער אייגענער טאַש, האָט זיך זיַין שפּאָטיש געלעכטער צעטראָגן איבערן גאַנצן טיש.

– זאָל נאָר עמיצער פּרוּוון פאַרלאַנגען אַ וואָג־קאָנטראָלירער!

– איר מיינט, אַז מע וואָלט אים משלח געווען? – האָט העל געפרעגט.

– מעגלעך – איז געקומען אַן ענטפער – און מעגלעך, אַז מע וואָלט אים געניוט, ער זאָל זיך אַליין משלח זיַין.

– וואָס מיינט איר מיט דעם?

– זיי וואָלטן זיַין לעבן פאַרוואַנדלט אין אַזאַ גהינום, אַז ער וואָלט זיך אָפּגעטראָגן.

## ג.

אין ס'רוב פאַלן זײַנען די אַרבעטער געווען אָנגעשראָקן און האָבן געוואָגט בלויז צו שעפּטשען וועגן די עוולות, וואָס מע איז קעגן זיי באַגאַנגען. נאָר איין אָרט האָט העל אויסגעפונען אין די שאַכטן, ווו זיי זײַנען ניט געווען בכּח צו שווײַגן, ווו דאָס געפיל וועגן אומפאַרדינטער באַעוולטקייט האָט גובר געווען די מורא. אַזאַ פּלאַץ איז געווען דאָס וואָג־הויז, ווו עס פלעגן אָפּגעוואויגן און פאַרשריבן ווערן די קוילן, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון שאַכט. יעדער קוילנגרעבער, ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון ליפט, פלעגט תּיכּף אַוועק צו דעמדאָזיקן אָרט. דאָ איז געהאַנגען אַ ביולעטען־טאָוול, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען זײַן נומער און די וואָג פון די וועגעלעך, וועלכע ער האָט דורכן טאָג צוגעשיקט. דער גרעסטער טייל פלעגט וואַרפן אַ בליק אויפן טאָוול און זיך אַוועקשלעפּן מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, ניט אַרויסברענגענדיק מער קיין איינציקן בליק אָדער וואָרט. אַנדערע פלעגן עפּעס אונטערברומען צו זיך אַליין אָדער ברומען איינער צום צווייטן אויף זייערע באַר־באַרישע דיאַלעקטן. ס'איז כּמעט ניט דורכגעגאַנגען קיין אָוונט, אַז עמיצער פון זיי זאָל זיך ניט ווי אָפּרײַסן פון קייט, זאָל ניט אויפהייבן די פויסטן קעגן היכל אָדער קעגן וואָג־פאַרוואַלטער הינטער זײַן רוקן.

בײַ איינעם אַזאַ צופאַל האָט העל געזען מיקע סיקאָריען, בשעת ער האָט שרײַענדיק גענומען אויסרופן זײַן חשבון.

– נײַנצן, צוויי און צוואַנציק, פיר און צוואַנציק, צוואַנציק! דאָס איז מײַן וואָג, מיסטער? איר ווילט מיך אײַנריידן, אַז דאָס איז מײַן וואָג?

– דאָס איז אײַער וואָג, – האָט דער פאַרוואַלטער קאַלט געמעלדעט.

– נו, שווער איך בײַ יודא, אַז אײַער וואָג איז אויף צרות, מיסטער! קוקט וועגעלעך – וואָס פאַר אַ גרויסע וועגעלעך. מעסט אויס די וועגעלעך, מיסטער, – זיבן פוס אין דער לענג, דרײַ מיט אַ האַלבן פוס אין דער הייך, פיר פוס אין דער ברייט! און איר ווילט מיר דערציילן, אַז אין זיי גייט אַרײַן נאָר צוואַנציק?

– איר לאָדט ניט אָן ווי ס'געהער צו זײַן, – האָט באַמערקט דער פאַרוואַלטער.

– לאָד ניט אָן ווי געהער צו זײַן? – האָט דער אַלטער קוילנגרעבער איבער־געחזרט. זײַן טאָן איז פּלוצלונג געוואָרן אַ קלאָגנדיקער, אַזוי ווי דידאָזיקע אינסי־נואַציע וואָלט אים גיכער באַליידיקט ווי אויפגעבראַכט.

– איר ווייסט, וויפיל יאָר איך אַרבעט שוין, און איר זאָגט, אַז איך קען ניט צונלאָדן? אַז איך לאָד אָן אַ וועגעלע, לאָד איך עס אָן ווי אַ קוילנגרעבער. איך לאָד ניט אָן ווי אַ יאַפּאַנער, וואָס האָט קיין שום באַגריף ניט וועגן אַ גרובן! איך שיט אָן, קוועטש אָן, ווי אַ סטויג היי, איך לאָד אָן פעסט, אָט ווי אַזוי – און דער אַלטער האָט גענומען באַווײַזן, ווי ער מאַכט דאָס אַלץ – אָט זעט איר, אַ טאָנע אויבן און אַנדערהאַלבן טאָנעס אונטן, און איר דערציילט מיר, אַז איך האָב אײַנגאַנצן נײַנצן, צוואַנציק!

– דאָס איז אײַער וואָג – האָט דער פאַרוואַלטער האַרט געזאָגט.

– אָבער, מיסטער, די וואָג אײַערע טויג ניט! איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, אַז...

– אַוועק, פון דאַנען! – האָט דער פאַרוואַלטער געזאָגט און זיך אָפּגעקערט.

– אָבער, מיסטער. – האָט דער אַלטער מיקע געקלאָגט, דרייענדיק זיך הינטער אים און אַרײַנגיסנדיק זײַן גאַנצע נשמה אין די ווערטער זײַנע – וואָס

פאַר אַ לעבן איז דאָס? דו האָרעװעסט װי אַן אײזל און באַקומסט דערפאַר גאָרניט. דו ברענסט אױס אײגענעם פולװער – פאַר אַ האַלבן דאָלער פולװער אַ טאָג – װאָס װעט איר זאָגן אױף דעם? ברעכן, גראָבן און גאָרניט באַקומען! שלעפּן דעם שפּעקאַסטן, דעם קױלנזײל און גאָרניט באַקומען! בײ יודא, שװער איך – איר פאַרפּײניקט מיך ביז הונגער־טױט! עסן דאַרף איך דאָך לכל־הפּחות, צי ניט?

דער פאַרװאַלטער האָט זיך פּלוצלונג אַרױפגעװאָרפן אױף אים:

– גײט צום טײװול אַרױס פון דאַנען! – האָט ער געשריען – אױב אײך געפעלט דאָ ניט, זאָגט זיך אָפּ און גײט אַװעק! פאַרמאַכט אײער מױל! אױב ניט, װעל איך דאָס פאַרמאַכן!

דער אַלטער איז פאַרציטערט געװאָרן און געבליבן שטיל. אַ מינוט איז ער נאָך געשטאַנען, נערװעז זיך געביסן די ליפּן, דערנאָך האָט ער זיך אומגעדרײט און מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען זיך אַרױסגעשאַרט.

## ד.

העלן האָט איצט פאַרנומען אַ נײַע אױפגאַבע, װאָס איז פאַרבונדן געװען מיט פיל מער אױפרעגונגען, װי די מלאָכה פון אַ קױלנגרעבער; זי האָט געדראָט מיט גרעסערע סכּנות װי גרובן־אײַנבראָך. די אַפּאַטיע, װאָס איבעראַרבעט רופט אַרױס, האָט נאָך ניט באַװיזן צו אַנטװיקלען זיך בײ אים אין אַ קרענק. איבער אים האָט געװאַכט יוגנט. אין אים האָט געפלאַטערט דער געדאַנק צו פאַרװירקלעכן אין לעבן דאָס געזעץ װעגן אַ װאָג־קאָנטראָלירער. ער האָט זיך װעגן דעם מישב געװען מיט זײַן נײַעם פרײַנט דזשערי מינעטי. דזשערי מינעטי איז אַלט געװען פינף־און־צװאַנציק יאָר אַן ערך און האָט פאַר אַן איטאַליענער געהאַט אַן אױסערגעװײנלעך הױכע און ברײטע פיגור. ער איז געװען אַ „צינדער". זײַן אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַרומגײן בײַנאַכט איבער די שאַכטן און אױפרײַסן דעם פולװער, װאָס די קױלנגרעבער האָבן בײַטאָג פאַרלײגט. דאָס איז געװען אַ געפערלעכע אַרבעט, װעלכע האָט געפאָדערט אַ געשולטן אַרבעטער, נאָר מע האָט פאַר איר גוט באַצאָלט. דזשערי האָט דערפאַר געהערט צו די מוצלחים, און ער האָט זיך ניט געשראָקן אַרױסצוזאָגן, אין געװיסע גרענעצן, זײַנע מײנונגען.

– מיר דאַרפן גרינדן אַ קאָמיטעט – האָט דזשערי אַרױסגעזאָגט זײַן מײנונג – און דערדאָזיקער קאָמיטעט װעט פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן אױפזעער. הינטערן קאָמיטעט דאַרף שטײן אַ באַזונדערע גרופּע. די גרופּע מוז אומבאַדינגט אָרגאַניזירט װערן. מע דאַרף רופן אַ געהײמע פאַרזאַמלונג. סוף־כּל־סוף מוז אָפּגעטאָן װערן דאָס אַלץ, װאָס ס'װערט געטאָן דורך אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַרײן, װאָס איז אין קױלן־באַצירק דורך די באַלעבאַטים פאַרװערט, װי יעדער מין אָרגאַניזאַציע.

– גוט – האָט העל געזאָגט, און האָט צוזאַמען מיט דזשערין צונױפגעשטעלט אַ צעטל פון מענטשן, װעלכע מע האָט געקאָנט פאַרטרױען אַ סוד.

דער ערשטער אין צעטל איז געשטאַנען מיקע סיקאָריע. געבן דעם אַלטן מיקע אַ מעגלעכקײט אַרײַנצוגײן אין קאָמיטעט און פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן אױפזעער האָט פאַר מיקען געהײסן: פאַרװירקלעכן דעם ציל, צוליב װעלכן ער איז געבױרן געװאָרן אױף דער ערד.

דער צװײטער איז געװען אַ יונגער בולגאַרישער קױלנגרעבער מיטן נאָמען װאָרסמאַק. אײנמאָל, װען ער האָט געשלעפּט אַ װעגעלע, אַן אָפּגעגאָסענער מיט

שוויס, האָט זיך פונקט באַוויזן דער אויפזעער אַלעק סטאָן, אַ מאַן פון זעקס פוס די הייך און פּראָפּאָרציאָנעל די ברייט. דערדאָזיקער גבר האָט געפילט די פאַראַכטונג פונם שטאַרקן צו פיזישער שוואַכקייט און ער האָט מכבד געווען ווערסמאַקן מיט עטלעכע זעץ. יענער האָט אויפגעהויבן די האַנט – קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן, צי ער האָט נאָר געוואָלט זיך באַשיצן, אָדער צוריק געבן אַ קלאַפּ – אָבער סטאָן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און האָט אים געיאָגט מיט שטויסן און זידלערייען איבערן גאַנצן קאָרידאָר. פאַר יעדערן, וואָס האָט באַמערקט דעם בולגאַרס פּנים, ווען דער אויפזעער פלעגט פאַרבייַגיין, איז קיין רגע קיין ספק ניט געווען, אַז ער וועט גרייט זייַן צו באַטייליקן זיך אין אַ פּראָטעסט־באַוועגונג.

דזשערי האָט געקענט נאָך אַ פּאַסיקן מענטשן, וועלכן מע האָט ערשט ניט לאַנג צוריק אַרויסגעלאָזט פונם שפּיטאָל. אינם שפּיטאָל־בעטל האָט אים אַרייַנגעלייגט דאָס רעוואָלווער־הענטל פונם שאַכט־אויפזעער. דערדאָזיקער אַרבעטער איז געווען אַ פּאָליאַק, און האָט צום אומגליק קיין איינציק ענגליש וואָרט ניט געקאָנט. נאָר העל איז אַרייַן אין באַציִונגען מיט אַ צווייטן פּאָליאַק, וועלכער האָט אַביסל געקאָנט ריידן ענגליש, און דער האָט אויף זיך גענומען איבערצוגעבן זייַן לאַנדסמאַן אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק. אויסער דעם איז געווען אַ יונגער איטאַליענער ראַוועטע, וועמען דזשערי האָט געקאָנט אַן האָף וועלכן מע האָט זיך אינגאַנצן געקאָנט פאַרלאָזן.

וועגן נאָך אַ פּערזאָן האָט העל געטראַכט – וועגן דער „רויטער מערי". אמת, אין אַ קוילנגרעבער־קאָמיטעט קאָן אַ פרוי גאָרניט מאַכן, אָבער זי קאָן באַהילפיק זייַן מיט געלונגענע עצות און מיט איר געשליפן צינגל, וועלכעס האָט געקאָנט צוציען אויף זייער זייַט מער ווי איין אומצופרידענעם.

העל איז אַוועק צו איר און האָט זי באַגעגנט בייַ דער טיר פון שטיבל.

– איך האָב געהאַט אַ זעונג וועגן אייַך – האָט ער געזאָגט.

– וועגן מיר? וואָס ווילט איר זאָגן דערמיט?

– קומט אַרייַן אינעווייניק, דאָרט וועל איך אייַך זאָגן.

זיי זייַנען אַרייַן אין דער פּוסטער קיך און זיך געזעצט אויף הילצערנע שטולן. מערי האָט די הענט פאַרלייגט אויף די קני, פונקט ווי אַ קינד, וואָס וואַרט אויף אַ מעשה, וואָס מע דאַרף אים דערציילן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט:

– איז עמיצער פאַראַן אין הויז?

– קיינער ניטאָ.

אָבער אינסטינקטיוו האָט ער גענומען ריידן שטיל. ער האָט איר אַלץ דערציילט. מערי איז געוואָרן ערנסט:

– אָט וועגן האָס עס האַנדלט זיך! – האָט זי געזאָגט מיט אַן ערנסטער שטימע – איז וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

און טאַקע באַלד, נאָך איידער ער האָט באַוויזן איר צו ענטפערן, האָט זי אים שוין אויסגערעכנט אַלע אירע באַקענטע. צווישן זיי איז געווען דער אַלטער דזשאָן עדסטרעם, אַ שוועד, וועלכער האָט געאַרבעט אין דעם באַצירק, צייַט די שאַכטן זייַנען געגרינדעט געוואָרן. מיט אַכט יאָר צוריק האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין אַ גרויסן שטרייַק און איז מיט זייַנע פיר זין אַרייַנגעפאַלן אין די שוואַרצע צעטלען. זייַנע זין האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין אַלע עקן וועלט, נאָר ער

איז דאָ געבליבן, אַמאָל געאַרבעט אין אַ פאַרם, אַמאָל זיך פאַרדינט אַ שטיקל ברויט ביי פאַרריכטן שאָסייען, און ענדלעך, מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אַ מאָמענט פון מאַנגל אין קוילנגרעבער, האָט ער ווידער באַקומען אַ שטעל אין די שאַכטן.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אַרבעטער, וואָס ווילן אַרויסשטעלן אַ פאָדערונג וועגן אַ וואָג־קאָנטראָלירער, זאָלן זיך פאַרזאַמלען ביי מרס. דייוויד.

ווען מיקע סיקאַריע האָט זיך אין דעמזעלבן טאָג צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, האָט אים העל אָפּגעפירט אָן אַ זייט און אים דערציילט וועגן דער פלאַנירטער פאַרזאַמלונג.

דאָס פנים פונם אַלטן סלאָוואַק האָט אויפגעשיינט מיט באַגייסטערונג; ער האָט אָנגעכאַפּט העלן פאַרן אַקסל און אויסגערופן:

– איר מיינט עס באמת?

– געוויס באמת. איר ווילט אַריין אינם קאָמיטעט, וואָס וועט ריידן מיטן אויפזעער?

– פלוהאַ ביעדנאַ! – האָט מיקע אויסגעשריגן, אַ וואָרט, וואָס אויף זיין מוטערשפּראַך האָט עס באַטייט עפּעס שרעקלעכעס. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

– איך שווער ביי יודאַ, אַז מיר וועט בקרוב אויסקומען ווידער איינצופּאַקן מיין אַלט רענצל!

– זיר גלויבט, אַז איך וועט אויסקומען אַוועקצוגיין פון דאַנען? – האָט העל געפרעגט.

– יאָ, דאָס מאָל וועט אויסקומען אַוועקגיין פון שטאָט. מעגלעך אַפילו, אַז איך וועל מוזן צוריק פאָרן אין דער אַלטער היים.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אָנטיילנעמער פון דער פאַרזאַמלונג זאָלן אַרויסגיין איינציקווייז, און גיין דורך פאַרשיידענע וועגן. העל איז געקומען איינער פון די ערשטע. אינם צימער זיינען די שטאָרן געווען אַראָפּגעלאָזט און דאָס פייער פון די לאָמפּן אַריינגעדרייט.

איינער פון די געקומענע אויף דער פאַרזאַמלונג האָט על־פּי־טעות אָנגעקלאַפּט אין דער פראָנט־טיר; העל האָט באַמערקט, ווי אַלע האָבן אַ ציטער געטאָן, און עטלעכע זיינען אַפילו אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. אים האָט אויסגעוויזן, אַז ער אָטעמט אין זיך אַריין די לופט פון די דערציילונגען פונם רוסישן רעוואָלוציאָנערן לעבן, אינדערצייט ווען די אַלע מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך דאָ בסוד פאַרזאַמלט ווי פאַרברעכער, ווילן זיך סך־הכּל נאָר דערשלאָגן דאָס, וואָס איז פאַרזיכערט דורכן געזעץ.

ס'איז געקומען די צייט אָנצוהויבן די פאַרזאַמלונג, און דער עולם האָט גענומען אומרויִק קוקן איינער אויפן צווייטן. קיינער האָט ניט געוווּסט מיט וואָס אָנצוהויבן.

– זאָל עמיצער ריידן אַ וואָרט – האָט ענדלעך געזאָגט מרס. דייוויד. – העל, איר וועט זיין דער וואָג־קאָנטראָלירער, רעדט איר.

– איך בין דאָ דער ייִנגסטער – האָט העל געענטפערט.

– הייבט אָן! – האָט אויסגעשריגן דער אַלטער מיקע, און העל האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

– יעדערער, וואָס אַרבעט דאָ, ווייסט, אַז מע באַשווינדלט אונדז ביי דער וואָג; אויב די געזעלשאַפט וואָלט אונדז באַצאָלט לויט דער פולער וואָג, וואָלט זי

יעדן טאָג געמאַכט אַ הוצאה פון נאָך עטלעכע הונדערט דאָלאַר. צווישן אונדז וועט זיך נישט געפינען אַזאַ שוטה, וואָס זאָל רעכענען, אַז די געזעלשאַפט וועט אַזעלכעס נאָכגעבן אָן אַ קאַמף. מיר דאַרפן דערפאַר נעמען אויף זיך צו האַלטן זיך צוזאַמען.

– געוויס! – האַלטן זיך צוזאַמען! – האָט מיקע אויסגערופן.

– מע וועט אונדז קיין קאָנטראָלירער ניט געבן – האָט איינער באַמערקט פעסימיסטיש.

– געוויס, אויב מיר וועלן גאָרניט טאָן דערפאַר – האָט העל דערווידערט.

דער אַלטער מיקע האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין דער קני:

– געוויס, מיר דאַרפן פאָדערן און מיר וועלן אים האָבן.

– ריכטיק! – האָט אויסגערופן דער גרויסער דזשעק.

נאָר זײַן קליין ווײַבל איז געווען ניט צופרידן מיט דעם אופן, ווי אַזוי העל האָט געפירט די פאַרזאַמלונג; זי האָט די ערשטע געגעבן העלן אַ לעקציע, ווי אַזוי מע דאַרף פירן די אַרבעט בײַ דעמדאָזיקן המון:

– זאָגט זיי; מאַכט, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין! – און זי האָט גענומען יעדן איינעם אויף אירן אַ פינגער: איר! איר! וועסמאַק און איר, קלאַוואַסקי, און איר, זאַם–און איר, איבעריקע פוילישע חברים. מיר ווילן האָבן אַ קאָנטראָלירער בײַ דער וואָג, באַקומען אַן אמתע וואָג, באַקומען די פולע שכירות. איר פאַרשטייט?

– יאָ, יאָ!

– מוז מען גרינדן אַ קאָמיטעט. גיין ריידן מיטן הויפּט־אינספּעקטאָר, פאָדערן אַ קאָנטראָלירער, איר פאַרשטייט? ניט נאָכגעבן! קיין מורא ניט האָבן!

– גיין, קיין מורא ניט!

נאָר דאָ האָט זיך געשטעלט אַן אַנדער פראַגע: ווער וועט נעמען אויף זיך צו ריידן מיטן „באָס"?

– נעמט מיך אויך אַרײַן אין קאָמיטעט – האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער דזשאָן עדסטרעם.

– איך? – האָט העל געפרעגט – מע וועט דאָך אײַך אַרויסטרײַבן!

– איך וועל גערן טאָן אַלץ, וואָס איז אין מײַנע כוחות – האָט געענטפערט דער אַלטער,–העל און סיקאָריע און איך וועלן זײַן די, וואָס וועלן גיין און ריידן מיטן שאַכט־פאַרוואַלטער, און די איבעריקע זאָלן דערווײַל אויסוואַרטן און ניט פאַרלירן די פרנסות, ביז עס איז ניט פאַראַן פאַרוואָס.

דער עולם האָט זיך איינער דעם צווייטן געגעבן די הענט און זיך מתחייב געווען צו האַלטן זיך פעסט און אַנטשלאָסן. ווען די פאַרזאַמלונג איז דערקלערט געוואָרן פאַר געשלאָסן, האָבן זיי זיך איינציקווײַז אַרויסגעגנבעט אין דער נאַכט אַרײַן און זײַנען געווען צו ערנסטע אין ניכטערע חברה פאַרשווערער.

# לערנביכער אויף יידיש

## פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן

1. לעבעדיקע קלאַנגען — אילוסטרירטער א״ב.
2. לעבעדיקע קלאַנגען — כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן לערניאָר.
3. לעבעדיקע קלאַנגען — כרעסטאָמאַטיע פאַרן צווייטן לערניאָר.
4. לעבעדיקע קלאַנגען — כרעסטאָמאַטיע פאַרן דריטן לערניאָר.
5. לעבעדיקע קלאַנגען — כרעסטאָמאַטיע פאַרן פערטן לערניאָר.
6. דאָס לעבעדיקע וואָרט (פון ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען)
   כרעסטאָמאַטיע פאַרן VI און V לערניאָר
7. דאָס „נײַע וואָרט״ כרעסטאָמאַטיע פאַר עלטערע קלאַסן אין 3 בענדער: עפּאָס, ליריק און דראַמע.
8. באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי
   (25 באַזונדערע צפּטן)

די „לעבעדיקע קלאַנגען״, „דאָס לעבעדיקע וואָרט״ און „דאָס נײַע וואָרט״ זײַנען רעקאָמענדירט פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע און זײַנען אָנגענומען אין די יידישע שולן פון דער גאַנצער וועלט

# נייע רעכנביכער!

## שוין דערשינען

2 נײַע רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי:

1. אַריטמעטישער רעכנבוך פאַרן 2-טן לערניאָר — צאָלן פון ערשטן הונדערט. ערשטע ידיעות פון געאָמעטריע.
2. אַריטמעטישער רעכנבוך — ברוכצאָלן

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24

# „גריבנקע ביימעלעך"!

אבאָנירט אַלע און פאַרשפרייט

דעם אילוסטרירטן

צוויי־וועכנטלעכן

קינדער־זשורנאַל

## „גריבנקע ביימעלעך"!



דערשײַנט אין ווילנע

אונטער דער רעדאַקציע

פון ש. באַסטאָמסקי.

אדרעס:

Wilno, Stefańska 24, m. 28

אַבאָנעמענטס־פּרייז:

| | |
|---|---|
| אַ יאָר (20 נומערן) | 7 גילדן (1.20 דאָל.) |
| אַ $1/2$ „ (10 „) | 4 „ (60 סענט) |
| אַ $1/4$ „ (5 „) | 2 „ (30 „) |

## אַבאָנירט אַלע דעם אילוסטרירטן חודש־זשורנאַל

# „דער חבֿר"

דערשײַנט אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון ש. באַסטאָמסקי

אַבאָנ.־פּרייז: אַ יאָר — 4 גילדן (60 סענט) אַ $1/2$ יאָר — 2 גילדן

אַדרעס: Wilno, Stefańska 24 m. 28.

P. K. O. 81.899